# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ו - גליון רלו**

**פרשת כי תבא**

בענין
**אם מצות ביכורים הויא "מצות עשה שהזמן גרמא"**
**וסתירת דברי החינוך למשנה מפורשת שמחייבתן**
**תמיהת האחרונים בשני עקרים אלו, ותירוצם**

**וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית כָּל פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹהֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם:** (דברים פרק כו פסוק ב)

### משנה מסכת ביכורים

שטייט אין די **משנה מסכת ביכורים** (פרק א משנה ה) **האפוטרופוס והשליח והעבד "והאשה" וטומטום ואנדרוגינוס מביאין** - די אלע האבן א מצוה צו ברענגען ביכורים אין בית המקדש, אבער: **ולא קורין** - זיי זענען נישט מחויב צו ליינען די קריאה וואס מען זאגט בשעת מען ברענגט די ביכורים, און די טעם איז: **שאינן יכולין לומר אשר נתת לי השם** - וויבאלד די אלע מענטשן גייען נישט אריין אין די גדר פון '**אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ**' וויבאלד זיי האבן נישט קיין חלק ונחלה אין ארץ ישראל, וועגן דעם האבן זיין נאר א חיוב צו ברענגן די ביכורים אבער נישט די חיוב צו ליינען די קריאה פון ביכורים.

און אזוי פסק'נט טאקע די **רמב"ם** אין הלכות ביכורים (פרק ד הלכה ב) **ואלו מביאין ולא קורין: האשה והטומטום והאנדרוגינוס לפי שהן ספק אשה ואינן יכולין לומר אשר נתת לי ה'**.

### קושית האחרונים

די הלכה ביי ביכורים איז, אז עס איז דא א געוויסע צייט אין די יאר וואס נאר דעמלאטס מעג מען ברענגן ביכורים, און אזוי ווי די **רמב"ם** שרייבט אין הלכות ביכורים (פרק ב, הלכה ו): **אין מביאין בכורים קודם לעצרת** - מען קען נישט ברענגן קיין ביכורים פאר די יום טוב שבועות, **שנאמר**, ווייל עס שטייט אין פסוק (שמות, כג, טז) **וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ, ואם הביא** - און אויב האט א מענטש יא געברענגט ביכורים פאר שבועות, **אין מקבלין ממנו** - נעמט מען נישט די ביכורים פון אים, **אלא יניחם שם עד שתבוא עצרת ויקרא עליהן** - נאר מען לאזט די ביכורים דארט אין בית המקדש ביז עס קומט אן שבועות, און דעמאלטס איז ער ממשיך ווייטער מיט די עבודת הביכורים דהיינו ער ליינט פאר די פסוקים פון די פרשה פון די ביכורים, **וכן אין מביאין ביכורים אחר חנוכה** - און אזוי אויך קען מען נישט ברענגן קיין ביכורים נאך חנוכה, און די טעם איז: **שהביכורים שבכרו אחר חנוכה הן חשובין משנה הבאה** - ווייל די פירות וואס ווערן געצייטיגט נאך חנוכה איז שוין שייך פאר די קומענדיגע יאר, **ויניחם עד אחר עצרת** - און ער זאל אוועק לייגן די געצייטיגטע פרוכט ביז די קומענדיגע שבועות.

לפי זה פרעגן די **אחרונים**, קומט אויס אז די מצוה פון ביכורים איז א **'מצות עשה שהזמן גרמא'**, און אויב אזוי וואלטען פרויען געדארפט זיין פטור פון דער מצוה, איז פארוואס זאגט די משנה אז פרויען זענען מחיוב צו ברענגען ביכורים פון זייער פעלד?

### דעת החינוך שנשים פטורות ממצות ביכורים - וביאורו של המשנה למלך

פאר מען גייט אראפ ברענגען די תירוצים פון די אחרונים אויף דער קשיא, איז כדי צו באמערקן, אז די **חינוך** (מצוה צא) שרייבט אז די מצוה פון ביכורים גייט טאקע נאר אן ביי מענער און נישט ביי פרויען, און די **משנה למלך** אין זיינע הגהות אויפן ספר החינוך פרעגט שוין אויף די חינוך, אז עס איז קעגן א בפירוש'ע משנה און מסכת בכורים ווי עס שטייט קלאר אז פרויען זענען יא מחיוב מיט די מצוה פון ביכורים?

און די משנה למלך ענטפערט דארט, אז די חינוך האלט וויבאלד די מצוה פון ביכורים איז א מצות עשה שהזמן גרמא, דערפאר זענען די נשים טאקע פטור מדאורייתא צו ברענגען בכורים, און דעס וואס די משנה אין ביכורים שרייבט אז פרויען זענען מחיוב מיט ביכורים, איז נאר א 'דין מדרבנן', דהיינו מדרבנן זענען זיין מחיוב צו ברענגן בכורים, אבער מדאורייתא זענען זיי טאקע פטור מכח די כלל אז אויף יעדער מצות עשה שהזמן גרמא זענען פרויען פטור.

### קושית המנחת חינוך על המשנה למלך

די **מנחת חינוך** (שם אות יא) קומט אבער און ער פרעגט אויף די משנה למלך פון א בפירוש'ע גמרא אין מסכת ברכות (כ, ב) וזה לשונו: **אך זה קשה, אם כן למה חייבות מדרבנן, כקושית הש"ס ברכות כ' ע"ב, דכל מצות עשה שהזמן גרמא נחייבנהו מדרבנן עיי"ש, ועל כרחך חייבות על כל פנים מדרבנן, דהיא משנה מפורשת בביכורים פרק א משנה ה דמביאות, ולמה יתחייבו מדרבנן כיון דהזמן גרמא, וצריך עיון** - פירוש: שטייט אין מסכת ברכות (כ, ב): **אמר רב אדא בר אהבה:**

**נשים חייבות בקדוש היום דבר תורה** - רב אדא בר אהבה זאגט אז פרויען זענען מחיוב מן התורה מיט די מצוה פון קידוש, קומט די גמרא און פרעגט: **אמאי? מצות עשה שהזמן גרמא הוא, וכל מצות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות** - פירוש: די כלל איז דאך אז נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא, און די מצוה פון קידוש איז דאך א מצות עשה שהזמן גרמא, און לכאורה וואלטן זיי געדארפט זיין פטור?

ענטפערט די גמרא: **אמר אביי: מדרבנן** - פירוש: אביי זאגט אז מן התורה זענען נשים טאקע פטור פון קידוש, וויבאלד עס איז א מצות עשה שהזמן גמרא, און דעס וואס רב אדא בר אהבה זאגט אז נשים זענען מחיוב מיט די מצוה פון קידוש, מיינט ער צו זאגן אז 'מדרבנן' זענען זיי מחיוב מיט די מצוה פון קידוש.

קומט אבער די גמרא און פרעגט: **אמר ליה רבא: והא דבר תורה קאמר! ועוד, כל מצות עשה נחייבינהו מדרבנן** - פירוש: רבא פרעגט אויף די הסבר פון אביי צוויי קשיות. 1. רב אדא בר אהבה זאגט דאך קלאר אז נשים זענען מחיוב 'מן התורה' מיט די מצוה פון קידוש, איז וואס קומט אביי זאגן אז די גאנצע חיוב איז נאר מדרבנן? 2. לדבריך אז אפילו מן התורה זענען נשים פטור מיט די מצוה פון קידוש, און נאר מדרבנן איז מען מחיוב, אויב אזוי זאלן די פרויען זיין מחיוב מדרבנן מיט יעדער מצות עשה שהזמן גרמא, און נישט נאר דוקא די מצוה פון קידוש. און די גמרא דארט פאלט טאקע אוועק פון די הסבר פון אביי.

לפי זה פרעגט די מנחת חינוך אויף די משנה למלך, ווי אזוי קען ער זאגט אז די הסבר אין די שיטה פון די חינוך איז אז 'מן התורה' זענען נשים פטור פון די מצוה פון ביכורים, און נאר 'מדרבנן' זענען זיי חיוב, אין די גמרא דא אין מסכת ברכות זעהט מען קלאר אז מען קען נישט אזוי זאגן, וויבאלד עס ווערט שווער 'כל מצות עשה נחייבינהו מדרבנן'?

און נאכן אפרעגן די הסבר פון די משנה למלך, שרייבט די מנחת חינוך: **אך בודאי הרב המחבר מצא באיזה מקום כן דנשים פטורות 'מן התורה'**.

## תירוצו של המנחת סולת ליישב את דברי המשנה למלך

די גרויסע גאון און שר התורה **רבי דוד טעביל מדוקלא זצ"ל** אין זיין ספר **מנחת סולת** (מצוה צא, אות ו) ענפערט א שיינער תירוץ אויף די קשיא וואס די מנחת חינוך פרעגט אויף די משנה למלך, וזה לשונו (בתירוצו השני): **ועוד יש לתרץ לפי מה שכתב אבודרהם** (ברכת המצות ומשפטיהם) **דמשום הכי נשים פטורין ממצות עשה שהזמן גרמא כיון דרשות בעליהן עליהן, ובודאי אין כוונתו ליתן טעם על התורה, דאנן לא דרשינן טעמא דקרא, רק כוונתו למה לא חייבו חכמים אותם, ועל זה כתב מכח שלא רצו להפקיע רשות בעליהן, ועל כן גם בפנויה לא חייבו משום לא פלוג. ושוב בביכורים דאמרינן בגיטין מז, עמוד ב, דבעל מביא בכורי אשתו וקורא, ואם כן לא נשאר באשה שיש לה בעל שום חיוב, רק באין לה בעל, ואז שפיר חייבנהו רבנן כיון דלא מקפיעין רשות בעליהן. והבן** - פירוש: רבי דוד טעביל שרייבט א הפלא'דיגע שיינע תירוץ אויף די קשיא. און ער איז מקדים מיט די באוויסטע ווערטער פון די אבודרהם, ווי ער איז מסביר די טעם פארוואס נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא, וזה לשונו: **והטעם שנפטרו הנשים מהמצות עשה שהזמן גרמא לפי שהאשה משועבדת לבעלה לעשות צרכיו. ואם היתה מחוייבת במצות עשה שהזמן גרמא אפשר שבשעת עשיית המצוה יצוה אותה הבעל לעשות מצותו ואם תעשה מצות הבורא ותניח מצותו אוי לה מבעלה ואם תעשה מצותו ותניח מצות הבורא אוי לה מיוצרה לפיכך פטרה הבורא ממצותיו כדי להיות לה שלום עם בעלה.** פירוש: די אבודרהם איז מסביר אז די טעם פארוואס נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא, איז וויבאלד א אשה איז משעובד פאר איר מאן, און אויב גייט איר מאן איר הייסן צו גיין טוהן עפעס, און זיי גייט יעצט זיין פארנומען מיט די מצות עשה שהזמן גרמא גייט די פרוי נישט וויסן וואס צו טוהן, ווייל אויב גייט זי נישט פאלגן די מאן דעמאלטס 'אוי לה מבעלה', און אויב גיי זי אויף הערן טוהן די מצוה דעמאלטס 'אוי לה מיוצרה', וועגן דעם האט מען איר גע'פטר'עט פון מקיים זיין מצות עשה שהזמן גרמא [משא"כ מצות שאין הזמן גרמא, קען זי אפשטיפן די מצוה פאר א אנדערע צייט].

קומט רבי דוד טעביל און לערנט אריין א נייע פשט אין די ווערטער פון די אבודרהם, און ער זאגט, אז די כלל איז דאך אז 'אנן לא דרשינן טעמא דקרא' און אויב אזוי דארף מען זאגן אז די גאנצע הסבר פון די אבודרהם איז כדי צו פארענפערן פארוואס די רבנן האבן נישט מתקן געווען א פרויען זאלן יא זיין מחיוב מיט מצות עשה שהזמן גרמא, דהיינו אין הכי נמי, די תורה האט גע'פטר'ט פרויען פון מקיים זיין מצות עשה שהזמן גרמא, אבער פארוואס האבן די רבנן נישט מתקן געווען אז כאטש מדרבנן זאלן פרויען זיין מחיוב. אויף דעם איז די אבודרהם מסביר אז די רבנן האבן נישט מתקן געווען אזא חיוב וויבאלד די פרויען זענען 'משעובד' פאר זייערע מענער.

אבער לפי זה ווערט שווער א צווייטע קשיא, די גאנצע הסבר פון די אבודרהם איז זייער גוט ביי א פרוי וואס איז חתונה געהאט, זי איז טאקע משעובד צו איר מאן, אבער פארוואס ביי א 'מיידל' האבן די חכמים נישט מתקן געווען אז זי זאל זיין מחיוב מיט מצות עשה שהזמן גרמא, ביי איר איז דאך נישט שייך די טעם אז זי איז משעובד פאר איר מאן? אויף דעם איז די תירוץ אז 'לא פלוג'. דהיינו וויבאלד רוב פרויען זענען חתונה געהאט און זיי זענען משעובד פאר זייערע מענער, איז אפילו עס איז דא א קבוצה פון פרויען וואס זיי זענען נישט חתונה געהאט, אבער משום 'לא פלוג' האבן די חכמים בכלל נישט מתקן געווען אז נשים זאלן ווערן מחיוב מיט מצות עשה שהזמן גרמא.

איז די אבודרהם ממשיך און ברענגט אראפ א ברייתא וואס שטייט אין **מסכת גיטין** (מז, ב), אין פסוק שטייט (בפרשתן, דברים כו יא): **וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ**, פון די ווארט **וּלְבֵיתֶךָ** דרש'נט די גמרא - **מלמד שאדם מביא ביכורי אשתו וקורא**, פירוש, אפילו א פרוי האט קרקעות וואס געהערט צו איר - 'נכסי מלוג', איז די גוף פון די קרקעות געהערט פאר די פרוי, אבער די 'פירות' געהערט פאר די מאן, און וועגן דעם ליגט די מצוה פון 'ביכורים' אויף די מאן און נישט אויף די פרוי.

קומט די אבודרהם און איז מסיים זיין הפלא'דיגע תירוץ, לפי די גמרא אין מסכת גיטין קומט אויס אז א פרוי וואס איז חתונה געהאט, האט בעצם קיינמאל נישט מקיים געווען די מצוה פון ביכורים, ווייל אפילו זי האט יא געהאט אייגענע קרקעות, איז אבער די 'פירות' פון די קרקעות געווען פאר די מאן, און די מאן האט געברענגט ביכורים, און אויב אזוי קומט אויס אז ביי די מצוה פון ביכורים איז בכלל נישט שייך די טעם אז א פרוי איז משעובד פאר די מאן, וויבאלד די מצוה איז דאך נישט שייך פאר א חתונה'געהאטע פרוי, און די מצוה פון ביכורים איז נאר שייך ביי א אשה פנויה, און אויב אזוי שטומט זייער גוט פארוואס 'מדרבנן' איז אזא פרוי יא מחיוב מיט די מצוה פון ביכורים. און די הסבר איז, אז די גאנצע טעם פארוואס פרויען זענען נישט מחיוב מדרבנן מיט מצות עשה שהזמן גרמא, איז וויבאלד, זיי זענען משועבד פאר זייערע מענער, און די טעם פארוואס א אשה פנויה איז פטור איז משום 'לא פלוג', אבער דא ביי ביכורים, איז בכלל נישט שייך די טעם פון 'משועבד', און אויב אזוי איז אויך נישט דא די טעם פון 'לא פלוג' און ביי די מצוה גייען נשים פניות יא זיין מחיוב 'מדרבנן' מיט די מצות עשה שהזמן גרמא. און דעס איז די הסבר פון די משנה למלך, אז ווען די חינוך שרייבט אז נשים זענען פטור פון די מצוה פון ביכורים רעדט די חינוך נאר מדין דאורייתא, מה שאין כן די משנה אין מסכת ביכורים, רעדט 'מדין דרבנן'. הפלא ופלא!

## תירוצו של המעין החכמה

די גרויסע גאון וקדוש **רבי נח חיים צבי ברלין זצ"ל** אין זיין ספר 'מעין החכמה' אויף די תרי"ג מצות, ענטפערט א חידוש פון א תירוץ אויף דער קשיא. בהקדם מיט וואס די **גמרא** זאגט אין **מסכת בבא בתרא** (פא, א) אז מען לערנט ארויס פון די פסוק **אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ - למעוטי חוצה לארץ**, פירוש: פירות וואס זענען געוואקסען אין חוץ לארץ זענען נישט מחיוב מיט די מצוה פון ביכורים. פרעגט דארטן **תוספות** (ד"ה ההוא): **ותימה אמאי איצטריך מיעוטא** - פארוואס דארף מען א פסוק צו ממעט זיין פירות פון חוץ לארץ, **הא אמר בסוף פ"ק דקדושין** (דף לו:)

**כל מצוה שהיא תלויה בארץ אינה נוהגת אלא בארץ** - פירוש: די גמרא אין מסכת קידושין זאגט א כלל אז יעדער מצוה וואס איז תלוי אין ארץ ישראל איז נוהג נאר אין ארץ ישראל, און וויבאלד די מצוה פון ביכורים איז דאך תלוי אין ארץ ישראל, פארוואס דארף מען א עקסטערע מיעוט צו ממעט זיין פירות פון חוץ לארץ? ענטפערט **תוספות**: **ויש מפרשים משום דבכורים איתקשו לבשר בחלב דכתיב** (שמות, כג, יט) **רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית ה' אֱלֹהֶיךָ לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ** - פירוש: עס וואלט געווען א הוה אמינא צו זאגן אז ביכורים זאל זיין אנדערש פון אלע אנדערע מצות וואס איז 'תלויה בארץ', וויבאלד מען איז מקיש די מצוה פון ביכורים צו די מצוה פון בשר בחלב, און מען וועט זאגן פונקט ווי די מצוה פון בשר בחלב גייט אן סיי אין ארץ ישראל אין סיי אין חוץ לארץ, אזוי אויך די מצוה פון ביכורים גייט אן סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ, וועגן דעם דארף מען אן עקסטערע מיעוט פון 'אשר תביא מארצך' צו ממעט זיין אז פירות חוץ לארץ זענען נישט מחויב מיט די מצוה פון ביכורים.

לפי דער **תוספות** אין בבא בתרא שרייבט די **מעין החכמה**: **אם כן יש לומר, דלעין חיוב נשים ילפינן היקישא דכל שישנו באכילת בשר בחלב** - פירוש: אז די זעלבע היקש פון בשר בחלב וועט מען אויך נוצען אויף צו מחייב זיין נשים מיט די מצוה פון ביכורים, און מען וואט זאגן אז פונקט ווי ביי די מצוה פון בשר בחלב, זענען סיי מענער אין סיי פרויען מחויב מיט די מצוה, אזוי אויף ביי די מצוה פון ביכורים זענען סיי מענער און סיי פרויען מחויב מיט די מצוה. און דא ביי ביכורים איז דאך נישט דא קיין פסוק זיי צו ממעט זיין, אזוי ווי עס איז דא א פסוק ביי פירות חוץ לארץ, דערפאר זענען די פרויען מחויב מיט די מצוה פון ביכורים, אפילו עס איז א מצות עשה שהזמן גמרא.

## תירוצו של הטורי אבן

די **טורי אבן** אין מסכת מגילה (כ, ב) ענטפערט א שיינער תירוץ אויף דער קשיא, און ער שרייבט: **לא מיקרי מצות עשה שהזמן גרמא אלא מצוה שאינו נוהג בכל זמן מצד עצמו כמצות שיש ימים מיוחדים למצותן** - די כלל פון א מצוה אז עס זאל הייסן א מצות עשה שהזמן גרמא, איז דוקא אזא סארט מצוה וואס די עצם 'יום' איז גורם דער מצוה, ווי למשל זיצן זיבן טעג אין די סוכה, אדער שאקלען לולב, וואס די עצם זיבן טעג סוכות זענען גורם אז מען זאל זיין מחויב מיט דער מצות, **אבל הא** [המצוה של ביכורים] **דמן חנוכה ואילך אינה זמן הבאה אינו מצד עצמן של הימים שגורמין שאינן בני הבאה, אלא דבר אחר גורם להם שאין מצויין על פני השדה ולא פוטרן הכתוב מן הבאה מצד עצמן של הימים אלא מפני דבר אחר. ואלו היו מצויין עוד על פני השדה היו הימים בני הבאה, הילכך לאו מצות עשה שהזמן גרמא הוא** - פירוש: די 'זמן' וואס דעמאלטס איז שייך די מצוה פון ביכורים איז נישט תלוי אין די עצם ימים, נאר עס איז דא א דרויסענדיגע זאך וואס איז גורם אז אין דער טעג פון שבועות ביז חנוכה זאלן מען קענען ברענגען ביכורים, ווייל אין דער טעג געפונען זיך די פירות על פני השדה, און אויב וואלטן די פירות זיך געפונען נאך חנוכה על פני השדה, וואלט מען געקענט ברענגען ביכורים אפילו נאך חנוכה אויך, איז קומט אויס אז די עצם ימים זענען נישט גורם די מצוה פון ביכורים, איז אזא סארט מצוה גייט נישט אריין אין די כלל פון 'מצות עשה שהזמן גרמא', און וועגן דעם זענען פרויען מחויב מיט די מצוה פון ביכורים.

## תירוצו של השואל ומשיב

די גרויסע גאון און משיב הדור **רבי יוסף שאול נאטאנזעהן זצ"ל** אין זיין ספר **שו"ת שואל ומשיב** (מהודרא שתיתאי, שאלה טז) ענטפערט אויף דער קשיא, בהקדם מיט וואס די **גמרא** זאגט אין **מסכת פסחים** (לח, ב) אז חלות תודה און רקיקי נזיר, ווערן גערעכנט ווי מען מעג עס עסן 'בכל מושבותיכם' וויבאלד בשעת מען האט מקריב געווען קרבנות אין נוב וגבעון, האט מען געקענט עסן די קרבנות אין גאנץ ארץ ישראל און נישט דוקא נאר אין ירושלים, איז אפילו שפעטער ווען די בית המקדש איז שוין געווען געבויעט האט מען נאר געמעגט עסן די חלות תודה אין רקיקי נזיר נאר אין ירושלים, אבער וויבאלד עס איז געווען א תקופה וואס מען האט עס געמעגט עסן אינדרויסען פון ירושלים, גייט עס שוין אריין אין די גדר פון 'בכל מושבותיכם'.

פרעגט דארטן **תוספות**, אז אפאר בלאט פריער (דף לו) לערנט די גמרא ארויס אז מען קען נישט יוצא זיין די מצוה פון עסן מצה, מיט מצה של ביכורים, ווייל עס שטייט 'בכל משבותיכם' און די ביכורים האט מען נאר געמעגט עסן אין ירושלים. אבער לפי וואס די גמרא זאגט דא, אז וויבאלד בנוב וגבעון האט מען געמעגט די קדשים קלים אין גאנץ ארץ ישראל, גייט עס שוין אריין אין די כלל פון 'בכל מושבותיכם' אויב אזוי ביכורים האט מען דאך אויך געמעגט ברענגען בנוב וגבעון, ווייל די כלל איז דאך אז יעדער קרבן וואס איז קבוע להם זמן, האט מען געמעגט ברענגען בנוב בגבעון, אין די ביכורים הייסט דאך 'קבעו להם זמן', וויבאלד מען מעג עס ברענגען נאר אין א באשטומטע צייט, פון שבועות ביז חנוכה, און אויב אזוי האט מען עס געמעגט ברענגען בנוב וגבעון, און דעמאלטס האט מען עס געמעגט עסן אין גאנץ ארץ ישראל, איז פארוואס איז מען ממעט מצה של ביכורים פון די פסוק 'בכל מושבותיכם'?

ענטפערט **תוספות**: **ויש לומר, דביכורים הואיל ויש להם זמן גדול כל כך, לא חשיב זמן קבוע** - פירוש: לעולם האט מען נישט געמעגט ברענגען קיין ביכורים בנוב וגבעון, אפילו די כלל איז אז יעדער קרבן שקובע להם זמן האט מען יא געברענגט, אין די טעם איז, ווייל ביכורים גייט נישט אריין אין די גדר פון 'קבוע להם זמן' וויבאלד עס איז צו א גרויסע צייט, דהיינו פון שבועות ביז חנוכה, וואס מען קען ברענגען ביכורים, וועגן דעם, קען מען יא ממעט זיין מצה של ביכורים פון 'בכל מושבותיכם', און זאגן אז מען איז נישט יוצא מיט מצה של ביכורים, וויבאלד מען האט קיינמאל נישט גערעסן ביכורים אינדרויסען פון ירושלים.

לפי דער **תוספות** שרייבט די **שואל ומשיב**: **אם כן גם מצות עשה שהזמן גרמא לא שייך בזה** - פירוש: אזוי ווי **תוספות** איז מחדש אז די מצוה פון ביכורים הייסט נישט א 'קבוע להם זמן' וויבאלד עס אז א 'זמן גדול', אזוי אויך ווערט נישט ביכורים אנגערופען א מצות עשה שהזמן גרמא, וויבאלד עס איז א 'זמן גדול'.

## תירוצו של החדות יעקב

די גרויסע גאון **רבי צבי אריה יהודה יעקב מייזלש זצ"ל** אב"ד לאסק, שרייבט א חידוש פון תירוץ אין זיין ספר **חדות יעקב** (סימן קמה, אות לז), וזה לשונו: **ובחדושי כתבתי, דמצות עשה שהזמן גרמא ליפטור ילפינן מתפילין, וזהו רק במצות עשה שבין אדם למקום, כמו תלמוד תורה ותפילין, אבל מצות עשה שבין אדם לחבירו אף שהזמן גרמא לא נפטרת בזה** - פירוש: די **חדות יעקב** איז מחדש א גרויסע חידוש, אז דער כלל אז נשים זענען פטור ביי מצות עשה שהזמן גרמא, איז נאר געזאגט געווארן ביי מצות וואס זענען בין אדם למקום, און די טעם איז וויבאלד די דין א נשים זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא לערנט מען ארויס פון תפילין, און די מצוה פון תפילין איז א מצוה שבין אדם למקום, וועגן דעם איז זאגט מען אז נאר אזעלכע מצות שבין אדם למקום זענען פרויען פטור אויב עס איז א מצות עשה שהזמן גרמא, אבער ביי מצות שבין אדם לחבירו, דארט וועלן פרויען זיין מחיוב אפילו אויב עס איז א מצות עשה שהזמן גרמא. ענדיגט די **חדות יעקב** צו: **ובכורים הם לכהן, והוי מצות עשה שבין אדם לחבירו!**